**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול קומט ארויס מיט 60 מיליאן דאלארדיגע נאָן-פראַפיט אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פראגראם צו שטיצן קריטישע סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט פאר ניו יארקער**

***בארעכטיגטע נאָן-פראַפיט מענטשן סערוויסעס ארגאניזאציעס קענען באקומען ביז $500,000 אין אינפראסטרוקטורישע גרענט פינאנצירונג צו שטיצן קאנסטרוקציע פראיעקטן אויף גרויסע אדער קליינע פארנעם***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס פאריגע אינוועסטירונגען צו באשיצן און שטיצן נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס, ארייננרעכנענדיג פינאנצירונג פאר נאָן-פראַפיט קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן און ארגאניזאציעס וועלכע שטיצן וועטעראנען און ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס***

***איינלאדענונג פאר אפליקאציעס פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א מינימום פון 60 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור גרענט פינאנצירונג וועט זיין צו באקומען פאר נאָן-פראַפיט מענטשן סערוויסעס ארגאניזאציעס דורך דעם נאָן-פראַפיט אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פראגראם ( Nonprofit Infrastructure Capital Investment Program, NICIP) צו שטיצן קריטישע סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט פאר ניו יארקער. בארעכטיגטע נאָן-פראַפיט ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו דירעקטע פראגראמען און סערוויסעס פאר ניו יארקער קענען באקומען גרענטס אין סומעס צווישן $50,000 ביז $500,000 צו דורכפירן קאנסטרוקציע פראיעקטן פון א גרויסע און קליינע פארנעם. די איינלאדענונג פאר אפליקאציעס איז פארעפנטליכט [דא]().

"דער נאָן-פראַפיט אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג פראגראם איז איינס פון די סטעיט'ס מערסטע מאכטפולע כלים צו פארשטערקערן און אויפהאלטן ניו יארק'ס געזעלשאפטליכע זיכערהייט נעץ", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "נאָן-פראַפיט ארגאניזאציעס זענען א וועזנטליכע שותף ביים צושטעלן קריטישע סערוויסעס פאר מענטשן וועלכע זענען אין נויט, אבער צו אפט פירן אינפראסטרוקטור באדערפענישן און א מאנגל אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג דערצו אז ארגאניזאציעס זאלן איבערגעשטערענגט ווערן. דורכן מאכן טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען אין אונזערע נאָן-פראַפיט ארגאניזאציעס, איז מיין אדמיניסטראציע פארפליכטעט צו אויפהאלטן די קריטישע הילפס-מיטלען און סערוויסעס אויף וועלכע ניו יארקער פארלאזן זיך."

די דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט ( Dormitory Authority of the State of New York, DASNY), די אגענטור וואס וועט אנפירן דעם פראגראם פאר די סטעיט רעגירונג, וועט אויך ארויפלייגן די איינלאדענונג פאר אפליקאציעס (Request For Applications, RFA) אויף איר וועבזייטל אין צוגאב צום ארויפגעלייגט ווערן צווישן די פינאנצירונג געלעגנהייטן אויף די ניו יארק סטעיט גרענטס געיטוועי (New York State Grants Gateway). DASNY וועט אויך איבערגעבן וויכטיגע אינפארמאציע פאר

צוקונפטיגע נאָן-פראַפיט אפליקאנטן דורך אן אינפארמאטיווע וועבינאר ווידעאו וואס וועט ארויפגעלייגט ווערן אויף ביידע אויבנדערמאנטע וועבזייטלעך אום אקטאבער 18, 2023.

די NICIP געלעגנהייט וועט ארבעטן מיט א פראצעדור וואס זוכט אויס די בעסטע אפליקאציעס און ווערט פארטיילט אין די סדר וויאזוי די אפליקאציעס ווערן ערהאלטן. אפליקאציעס קענען אריינגעגעבן ווערן אין יעדע צייט צווישן דעצעמבער 1, 2023 און יאנואר 12, 2024. יעדע אפליקאציע וועט באקומען א צייכן ווי נאר עס ווערט ערהאלטן, און דאס גיבן צייכענעס פאר אפליקאציעס וועט זיך אנהויבן שוין אזוי פרי ווי דעצעמבער 2, 2023. אלע אפליקאנטן וואס באקומען א צייכן וואס איז העכער פון א באשטימטע נומער וועלן ווייטער גיין צו DASNY צו באקומען גרענטס ביז אלע געלטער ווערן אויסגענוצט. די דגש ביים באשטימען די צייכן פאר יעדע אפליקאציע וועט זיין אויף אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן וואס זענען גרייט צו אנהויבן די ארבעט און וואס זענען ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביז דעצעמבער פון 2026. אויב א קוואליפיצירנדע NICIP אפליקאנט וואס איז שוין ווייטער געשיקט געווארן צו באקומען די גרענט קען דערנאך נישט נאכקומען די פארלאנגטע איבערבליקן אדער דעם פארגעשלאגענעם פראיעקט, וועלן די געלטער צוריק אריינגעלייגט ווערן אין די NICIP קאסע און געשאנקען ווערן פאר די קומענדיגע קוואליפיצירנדע NICIP אפליקאנט אויף די ליסטע אפליקאציעס.

NICIP בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו באשיצן און שטיצן די -פראַפיט ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו קריטישע הילפס-מיטלען און סערוויסעס פאר ניו יארקער אריבער די סטעיט. לעצטער חודש האט די גאווערנער אנאנסירט מער פון 63 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג גרענטס פאר מער פון 30 ניו יארקע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן צו שטיצן גרויסארטיגע קאנסטרוקציע פראיעקטן, נייע עקוויפמענט און אנדערע אינוועסטירונגען אין אוניווערסיטעט אינפראסטרוקטור. די גאווערנער האט אויך לעצטנס אנאנסירט קרוב צו 38 מיליאן דאלאר צו פארשטערקערן נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס'ס איינריכטונג זיכערהייט און אלגעמיינע גרייטקייט פאר אינצידענטן, 13 מיליאן דאלאר פאר ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו קאריערע טרענירונג פאר ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס און 2.7 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר ארגאניזאציעס וואס שטעלן צו סערוויסעס פאר וועטעראנען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן